# מהתוועדות ש״פ מקץ תשכ״ו

אוצר החכמה


דוקא נס נרות ולא מלחמה כי הגשמיות איננו תופס מקום כלל וכלל, ועד"ז צ"ל בישראל שהוא ביהמ"ק של העולם צ"ל בהם ענין ביטול הגשמי, שלא יתפוס מקום אצלו כלל.

וע"ד שהי' בביהמ"ק הנה אז הדליקו ביום הראשון אף שלא הי' יודעים שיהי' להם נס ולכאו' למה הדליקו ביום הראשון מכיון אשר ביום השני לא יוכלו, אלא בשעת ער האט היינט דארף ער צינדן און דער אויבערשטער וועט זיך שוין דאגה'נען אויף מארגן וכמבואר שהמחדש בטובו בכל יום כו' שבכל עת התהוות חדשה, ער האט היינט תפילין דארף ער לייגן און נישט זארגן זיך וועגן מארגען, ועד"ז בפרנסה הנה איננו צריך לדאוג כנ"ל שבכל עת יש התהוות חדשה ולא ידאוג אודות תכלית והשי"ת כבר יעשה מה שירצה...

* * *

ג. כיון שהעולם נקרא דירה בתחתונים וזה נעשה ע"י עבודת האדם, הנה כמו שבאדם יש הענין דביטול הגשמי כנ"ל, הנה עכצ"ל אשר ענין זה ישנו גם בהעולם, שיש ענין הביטול, וכנ"ל שהוא גם בחכ' חיצוניות חכ' יוון יש הענין דביטול עפ"י הטבע, וגם יש בזה ענין של נס כנ"ל אשר אף שבריבוי יגיעה לא הגיע להשכיל כו' הנה פתאום נופל לו השכל כו' וזהו בחכ' חיצוניות שהוא בניגוד לקדושה, והטעם בזה הוא אשר גם לא בקדושה יש הענין דהביטול הוא מחמת אשר כל הענינים שבעולם נעמען זיך מאחדות הפשוטה, שהפי' אחדות הוא לא הענין דיחיד אשר יחיד הפי' הוא איינער ולא ענין של ריבוי, משא"כ אחדות הרי הפי' הוא שיש ריבוי ענינים, והכל הוא אחדות פשוטה, כי ביחיד ל"ש לומר שהוא יחיד פשוט מכיון שהוא רק ענין א' ולא כמה ענינים משא"כ באחדות אשר הפי' הוא שיש ריבוי הנה דוקא בזה שייך לומר אחדות פשוטה שאי"ז ענין של ריבוי פרטים אלא פשיטות, והיינו שריבוי הענינים בא מאחדות הפשוטה, מצד הפשיטות.

ולכן מכיון אשר מצד פשיטות ישנם כמה וכמה ענינים לכן הוא בא ג"כ על לעו"ז, והיינו שהאחדות בא בריבוי פרטים עד לעו"ז און דער אחדות נעמט דורך כל הענינים שבכל העולם, (וזהו"ע הביטול שבעולם ג"כ מצד אחדות הפשוטה שהוא בא בריבוי), וזהו מה שמצד האחדות שהוא בא בריבוי כתוב נעשה לשון רבים וכל הרוצה לטעות יבוא ויטעה, שזה בא מחמת הריבוי בכל הפרטים, ומ"מ הנה האחדות נעמט א דורך כל הפרטים, אשר לכן הנה גם בחכ' יוון שהוא היפוך הקדושה יש בזה ענין הביטול ג"כ שהוא בא מצד אחד האמת, ולכן כנ"ל יש בזה ענין הביטול במציאות שהוא עפ"י הטבע, וגם ענין הנס כנ"ל שפתאום נפל לו השכל כו' כי זה בא מחמת אחד האמת כו', והנה זה שהוא כן בעולם, הוא מכיון אשר גם בישראל יש ענין זה כי בראשית בשביל ישראל שנקראו ראשית, ומכיון שהוא בעולם הנה הוא בא מחמת שבישראל הוא כן, וזהו מה שבישראל יש הענין דנפש השנית נה"א ונה"ב, אשר נה"א היא חלק אלוקה ממעל ממש, ונה"ב הוא ענין טבע, והיינו מכיון אשר בישראל ישנו ג"כ ענין זה דנה"א ונה"ב שהוא טבע, ע"כ בא גם בעולם בלעו"ז היפוך הקדושה, ויש בזה ענין הביטול מצד האחדות כו', וזה שיש בישראל נה"א ונה"ב הוא מחמת שכן הוא למע' שיש הוי' ואלקים שאלקים הוא הטבע. ולכן הוא בא ג"כ למטה בישראל שישנם ב' הענינים, וזה שהוא כן למע' הוי ואלקים הוא בא מצד יכולת העצמות אשר יש שם יכולת גם ללעו"ז כי הכל הוא שוה שם, כי זהו אמיתית הענין דיכולת מה שאפשר להיות ב' ענינים, קדושה והיפוך הקדושה, ומזה נשתלשל גם בהוי' ואלקים ואח"כ הוא בא בישראל נה"א ונה"ב עד שהוא בא גם בעולם בלעו"ז, אבער סוף כל סוף פירט אויס דער אחד האמת, ולכן הנה שם ג"כ (בלעו"ז) יש הענין דביטול עפ"י טבע והנס כנ"ל, ולאום מלאום יאמץ אשר לפעמים יש גם התגברות הלעו"ז אבל סוכ"ס וועט אויספירן דער אחד האמת.

וזהו ג"כ הביאור מה שהם טוענים (אוה"ע) אשר ענין האחדות דאחד האמת יש בהם ג"כ וזה יש להם מצ"ע לא מצד ישראל, וא"כ מהו החידוש דוקא בישראל אשר דוקא בהם אומרים שיש הענין דאחדות.

והביאור בזה הוא כנ"ל, דכל הענין מה שהוא באוה"ע שיש בהם ענין האחדות הנה זה נלקח מישראל אשר מכיון שיש ענין זה בישראל לכן הוא בא ג"כ עד לעו"ז באוה"ע.

וכמו"כ הוא גם בגשמיות, שהם קבלו ענין האחדות מישראל, כי הנה מבואר ברמב"ם אודות אריסטו, ומספרים מובא שהוא הי' בימי ירמי' וגם משמע מספרים (שלא מובא בדא"ח) אשר רבו של אריסטו הי' תלמיד אצל ירמי', וכמבואר בתנ"ך אשר ירמי' הי' במצרים וא"כ מובן אשר אריסטו הי' בא ולומד אצל ירמי' וממנו לקח את ענין האחדות, ועד"ז מובן ג"כ בשלמה שהי' חכם הדור ובאו מכל קצוי תבל לשמוע את חכמתו ומסתמא לא דיבר רק אודות עצים ואבנים כו' אלא גם בעניני ההתהוות, וגילה להם כמה שאפשר לגלות להם, וזה הי' במצרים ומזה בא מה שהי' בחכ' יוונית שהוא בא מחכמת ירושלים כמבואר בקבלה בענין צלמא דדהבא ורישא דדהבא ותרין



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 162 הודפס ע"י אוצ

זרועות כו' (אשר חכ' יוונית בא מחכמת מצרים) וע"ד במצרים הנה העיקר קבלו מירמי' ושלמה עד"ז הנה חכ' יוונית חכ' חיצוניות בא מצד ישראל, מירמי' ושלמה.

וא"כ הרי מובן שאין שייך לומר אשר באוה"ע מצ"ע יש בהם ענין האחדות מכיון אשר כ"ז נלקח מישראל, אלא שמיד התחילו בשיטה הפוכה, ועשו פירוד היפוך האחדות, כי דוקא בקדושה שייך הענין דאחדות דהוא לבדו הוא ואין זולתו, משא"כ בקליפה הנה הם התחילו לפרד, ואמרו אשר כל כח טבעי הוא כח נפרד, וכל דבר ודבר הוא מציאות בפ"ע (וכמבואר מה שאמר מפלגיך ולעילא ומפלגיך דלתתא שהפרידו למעי' ולמטה כו') וזהו מצד שבקליפה שהו"ע דפירוד לא שייך בהם ענין האחדות, וכל מה שנתפרסם הי' רק ענין הפירוד ושיטת האחדות נשכח מהם, אמנם בהיות אשר עכשיו הוא כבר הזמן שהוא קרוב למשיח הנה הזכירו א"ע אודות השיטה דאחדות שלא יש ריבוי פרטים וא"ז מה ששיטה זו הוא מצ"ע אלא כנ"ל מצד ירמי' ושלמה אשר מהם לקחו את שיטה זו, ואלא שנשתכח ועכשיו הם חוזרים וזוכרים כיון שהוא קודם זמן המשיח, וזה הי' בזמן מוחמד ואותו האיש שכבר התחילו הענין דאחדות (מכיון שכבר הי' קרוב יותר לזמן המשיח) אעפ"י אשר גם מה שהם עשו הי' ענין של עבוד"ז וסוקלין ע"ז מ"מ הי' בזה ענין של אחדות יותר כמ"ש הרמב"ם ועכשיו כבר התחיל האחדות ביותר, וכמבואר בזהר (פ' וירא) שאומר שבאלף הששי משנת ת"ר כמ"ש (בראשית ז, יא) בשש מאות שנה לחיי נח הנה ארובות השמים נפתחו כו' שהוא הזמן שקרוב לימות המשיח, ואז התחילו גם בחכ' אוה"ע לענין האחדות, וזהו מה שבזמן האחרון הנה משתדלים שלא לעשות ריבוי, אלא שכל הפרטים נכנסים בנקודה אחת, כנ"ל שמתקרבים ביותר לימות המשיח ובאים יותר לענין האחדות, נישט הונדערט און איינס נישט הונדערט און צוויי כו' אלא פחות פחות ונכנס הכל בנקודה אחת, וכנ"ל בזהר דבשנת ת"ר התחיל זה.

וזהו מה שמוצאים עכשיו כמה וכמה ענינים שבזהר אשר אז לא היו מתחשבים עם זה, כמו מה שכתב אשר יש ארץ בחצי כדור התחתון אשר אז עדיין האט מען נישט געוואלט ערקענען דאס ועכשיו יודעים זה כבר, וכמו"כ שהכדור סובב א"ע, ואז לא חשבו בזה ועכשיו כבר יודעים זה עד"ז הוא גם בענין הנ"ל שכתב אשר בשנת ת"ר כשיקרב (לאלף השביעי) בימות המשיח אז יתחיל גם בחכ' אוה"ע ענין האחדות, שנעשה הכל בנקודה אחת לא הרבה פרטים, ומ"מ הנה אצלם נשאר ב' ענינים שהיינו כמות ואיכות אשר בזה כבר הם אינם יכולים לפעול בזה אחדות, וזה דוקא בישראל כמ"ש ברמב"ם אשר כל ד' היסודות אפשר להחליף זב"ז מצד האחדות כו' (ונתקבל אז בישראל) עד שיתגלה הענין דאין עוד מלבדו אחד האמת עד שיהי' הוי' אחד ושמו אחד בביאת משיח צדקינו כו'.

* * *

ד. עפי"ז יובן גם הנוסח בעל הניסים הוא והדליקו נרות בחצרות קדשיך, ולכאורה אינו מובן כמה ענינים בפשט ובדין, מה שאומר והדליקו נרות כו' ואינו מזכיר בזה שום אריכות בענין נס הנרות ואומר סתם הדליקו נרות? והנה לפעמים מתרצים בגמ' שהתנא הוא תנא ירושלמי ולכן הוא מקצר, אמנם כאן אי אפשר לתרץ זה כי הרי בענין המלחמה הרי הוא מאריך ביותר, ואומר כל הפרטים מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים כו' ה' ענינים בזה וא"כ למה דוקא כשהוא בא לענין הנרות הוא אומר בקיצור סתם הדליקו כו'?

ועוד צריכים להבין למה אומר בחצרות קדשיך ששם הדליקו את המנורה ולכאורה הרי ההדלקה הי' בהיכל ולא בחצר, ואין לומר אשר הוא אומר הענין בכללות והכוונה הוא על ההיכל, כי הרי מקודם הוא אומר כל הענין בפרטיות היינו איך הי' המלחמה שמסרת גבורים ביד חלשים כו' וגם ההכנה לטהרת המקדש הוא אומר כמה פרטים כמו פנו היכליך טיהרו מקדשיך וא"כ הרי אין לתרץ שבחצרות הו"ע כללי וכוונתו הוא על ההיכל מכיון אשר הוא אומר כמה וכמה פרטים הנה גם כאן הי' צריך לפרט שהדליקו בהיכל?

ועוד אינו מובן מה שאומר חצרות לשון רבים, דהרי טיהרו מקדשיך והיכליך הוא אומר לשון יחיד ולמה חצרות הוא לשון רבים?

עוד צריכים להבין מה שבגמ' דמאי חנוכה הוא אומר וכשגברו מלכות חשמונאי ונצחום כו' הרי שם לא מביא הנס דנצחון המלחמה וא"כ למה הוא צריך לומר "וכשגברו" כי לכאורה הי' מספיק באמרו שהי' נצחון בלבד והי' מובן שגברו, דבשלמא גוף הענין דנצחום הנה זה מוכרח לומר שכ' בגמ' מכיון אשר דוקא עי"ז נכנסו בביהמ"ק והדליקו כו' כי לולי הענין דנצחון היינו אם לא הי' מביא הענין דנצחום לא הי' אפ"ל סתם שמצאו פך אחד חתום כו' מכיון אשר אמר שטמאו כל השמנים שבהיכל היינו שהי' להיוונים שליטה בביהמ"ק א"כ איך שייך לומר שנכנסו ישראל לביהמ"ק ועכצ"ל שנצחום ועי"ז נכנסו, אמנם לכאורה קשה למה הוא צ"ל וכשגברום



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 163 הודפס ע"י אוצר

# מהתוועדות ש״פ משפטים תשכ״ו

ד. מאמר (כעין שיחה) ד"ה כי תשא.

אוצר החכמה

ה. כאמור לעיל (בנוגע דעם ענין פון אם כסף תלוה וואס אין היינטיגע סדרה, אז דער רמב"ם רעכענט אויס שמונה מעלות אין צדקה, איינע פון די שמונה מעלות איז, נותנה ואינו יודע למי נותנה, נוטלה ואינו יודע ממי נוטלה.

מצוות נעמען זיך פון תורה, איז מוכרח אז אלע ענינים וועלכע זיינען דא אין מצוות זיינען פאראן אויך אין תלמוד תורה דער מקור המצוות. פון דעם איז פארשטאנדיק אז אויך אין תורה איז פאראן דער אופן פון נותנה ואינו יודע למי נותנה, און נוטלה ואינו יודע ממי נוטלה.

די מעלה פון נותנה ואינו יודע וכו' ווי דאס איז אין צדקה, איז מובן בפשטות אז דורך דעם וואס אינו יודע למי נותנה וועט ער נישט האבן קיין ישות, ווארום בשעת ער ווייסט וועמען ער גיט קען ער האבן ישות און גאוה, טראכטנדיק אז ער האט מחי' געווען דעם עני, און דאס וואס יענער האט פון וואס צו מתפרנס זיין זיך איז דאס מצד איהם. ווען ער ווייסט אבער ניט וועמען ער גיט קאן ער זיך נישט בארימען, אז יענעמס פרנסה קומט פון איהם - ער ווייסט דאך ניט צו וועמען ער האט געגעבן די צדקה. און אזוי אויך דער מקבל שעמט זיך נישט ווייל ער ווייסט נישט פון וועמען דאס קומט.

און אזוי איז אויך ביי נותנה ואינו יודע אין לימוד התורה, אז בשעת איינער לערנט מיטן צווייטן און דער משפיע ווייסט וועמען ער איז משפיע און דער תלמיד ווייסט פון וועמען ער לערנט, קאן דער משפיע האבן ישות וגאוה, דורך זאגן ראו גידולים שגידלתי (כתובות מה, א) און אזוי אויך דער מקבל האט א בושה וביטול פון דער משפיע, משא"כ בשעת עס איז אין א אופן פון נותנה ואינו יודע כו' קען דער משפיע ניט האבן קיין ישות, און דער תלמיד האט זיך ניט וואס צו שעמען.

וואו איז דא א מציאות אין לימוד התורה, דעיקרה בדיבור - למוציאיהם בפה - אז א משפיע זאל נישט וויסן מיט וועמען ער לערנט, און דער מקבל זאל נישט וויסן מיט וועמען ער לערנט, י"ל בדרך הצחות, אז דאס איז לימוד דורך ראדיא, וואס דער משפיע ווייסט ניט ווער עס זיינען די הערערס, און אויך די מקבלים ווייסן ניט פון וועמען זיי הערען, ווארום עס קאן דאך זיין אז דאס איז גאר א טייפ, אדער עס לערנט גאר א צווייטער מיט א פרעמדן נאמען.

אעפ"י אז עס איז ידוע די מעלה פון לימוד התורה באופן וואס והי' עיניך רואות את מוריך, ביז אז אפילו לאחר שלמד מרבו איז כל האומר שמועה מפי אומרה יהי' רואה בעל השמועה כאילו עומד לנגדו (שקלים פ"ב ה"ה) און ווי דער צ"צ איז מבאר אין די רשימות אויף תהלים אויפן פסוק אך בצלם יתהלך איש די גודל המעלה שבזה, פונדעסטוועגן איז דא א מעלה בשעת דער לימוד איז באופן פון אינו יודע כו'. וגם בצדקה ישנה מעלה כשיודע כו' על שאינו יודע כו' - שאז דוקא אפשרי: <u>והמפייסן</u> בי"א.

אוצר החכמה

עס איז דא נאך א מעלה אין לימוד התורה דורכן ראדיא, וואס מ'האט מיר איבערגעגעבן אז היינט איז דער "יום השנה" פון די שיעורי תניא אויף ראדיא, וואס דאס איז הפצת המעינות כפשוטו. בשעת מען לערנט מיט איינעם (יחיד או כתה) א מאמר חסידות, קומט דאך אן דער לימוד נאר צו דעם מיט וועמען מען לערנט, עס איז מעהר ניט וואס מ'האפט שיעשה פירות ופירי פירות אז יענער וועט לערנען מיט נאך א אידן וכו' וכו' וואס דורכדעם וועט סוכ"ס ווערן א הפצה, דער לימוד איז אבער מוגבל בשעת מעשה נאר צום שומע, משא"כ דער לימוד בראדיא, האט ניט אין זיך קיינע הגבלות, און תוך כדיכ דיבור ממש ווערן די מעיינות צעשפרייט בכל קצוי תבל, ביז צו חוץ היותר תחתון, אז אפילו אזא וואס שטייט נישט אין דער דרגא ער זאל גיין הערען חסידות, ער געפינט זיך בביתו און אפילו אזא וועלכער האט געטראכט עפנען דעם ראדיא צו הערן אנאנדער ענין וואס איז נישט אין דעם סוג, אזוי אויך ער הערט די דברי חסידות וואס ווערן געלערנט אין ראדיא.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 255 הודפס ע"י אוצר

און נאכמער, די דברי חסידות וואס ווערן געלערנט אין ראדיא, נעמען דורך די גאנצע וועלט אפילו אז אין אזא ארט וואס דארטן געפינט זיך נישט קיין גוף רשמי מיט רמ"ח אברים פון א אידן, און אפילו אין א ארט וואס עס איז נישטא קיין כלי אויף אויפנעמען דעם קול איז דאך אבער ידוע למבינים אז דער קול איז אומעטום בכל קצוי תבל, און געפינט זיך דארטן נישט בלויז בכח, נאר אויכעט בפועל (שהרי בכל הכלי רק לשנות, אבל לא לחדש כו') עס איז מעהר נישט וואס דארט פעלט די כלי מיט וואס מקבל זיין דעם קול.

איז בשעת אז די דברי חסידות וועלכע מען לערנט אין ראדיא זיינען דברים יוצאים מן הלב, ובפרט נאך אז זיי ווערן געלערנט באופן הביטול פון יראו את - את הטפל, וואס דאס איז א ביטול במציאות, אז דער מדבר איז ניט קיין מציאות פאר זיך, ער איז בלויז א צנור א טרייבל, דורך וועמען עס גייט דורך דער קול פונעם אלטן רבי'ן, וואס ער האט איז אריינגעגעבן דער תורה שבכתב פון חסידות, איז בשעת דער לימוד איז באופן כזה, איז דאך מובן דער גודל המעלה שבזה.

און דאס קומט אן אין חוצה כפשוטו שכל קצוי תבל, וואס דאס וועט אראפברענגען משיח'ן כפשוטו למטה מי' טפחים אין א גוף, ווי עס איז ידוע די מעשה וואס מען האט געפרעגט ביים צ"צ וועגן ביאת המשיח, און ער געענטפערט אז עס האט זיך אפגעדרוקט דער לקו"ת. האט מען בא איהם געמאנט אויפדעם אז מ'דארף האבן משיח בגשמיות, און מ'האט געדארפט האבן אז א איד זאל דאס מאנען, ניט קוקנדיק אויפן גודל המעלה פון לקו"ת, וואס דאס איז גילוי המשיח ברוחניות (וואס אמת טאקע אז דער תובע האט ניט געוואוסט דעם תכלית גודל המעלה פון לקו"ת האט אבער דאס געזאגט צום צ"צ, וואס ער האט יע געוואוסט דעם גודל המעלה במילואה. און פונדעסטוועגן מאנט מען מיט א תביעה חזקה אז מ'דארף האבן משיח'ן כפשוטו נשמה בגוף, כמבואר ברמב"ם סוף וחותם הל'מלכים, כל הפרטים שבזה כפשוטו בגשמיות.

און בכדי עס זאל זיין דער קאתי מר כפשוטו דארף זיין דער הפצת המעיינות כפשוטו, און דערפאר דער לימוד התניא בראדיא וואס דאס איז הפצה כפשוטו, וועט ברענגען דעם קאתי מר כפשוטו, אז בקרוב וועט קומען משיח בגשמיות, וואס דאן וועט מען געבן די מחצית השקל לעבודת בית אלקינו פאר קרבנות בגשמות, וואס מען וועט מקריב זיין אין ביהמ"ק השלישי און עס וועט אויך זיין וואס עס שטייט אין דער סדרה וועלכער מען הויבט אן איצטער ליינען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם בתוך כל אחד ואחד מישראל.

* * *

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 256 הודפס ע"י אוצר

# מהתוועדות ד' מר-חשון תשל"ז

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה אלה תולדות נח וגו׳.

ב. די סיבה פון היינטיקע התוועדות (הגם אז א התוועדות אין דעם זמן איז לכאו׳ א חידוש) –

איז דאס בהמשך דערצו, וואס אין די לעצטע חדשים איז מען זיך משתדל צו איבער הזר׳ן א ווארט פון דבותינו נשיאינו (אויך פון תושב"כ און תושבע"פ) אין אזא אופן, אז פון דעם ארט וואו מ׳חזר׳ט איבער דברי רבותינו

– דער ארט וואס איז געווען די ד׳ אמות של תורה און ד׳ אמות של תפלה פון נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר –

זאל דאס גלייך אנקומען בכל מקום וואו נאר מעגליך, דורך דעם וואס מ׳באנוצט זיך מיט די ענינים צו וועלכע מ׳האט דערגרייכט דוקא אין די גאר לעצטע יארן (אזוי ווי טלפון וכיו"ב). וואס דאס איז דאך שייך דוקא ווען די התוועדות איז בימי החול.

אין א התוועדות פון שבת ויו"ט – וויבאלד אז דעמולט טאר מען זיך ניט נוצן מיטן טלפון וכיו"ב – דערגרייכן די רייד (בשעת מעשה) נאר אין א מקום מוגבל, און בנוגע צו די איבעריקע עדטער – דארף מען זיך פארלאזן אז מסתמא וועט מען דערנאך איבערגעבן אויך דארטן די ענינים וועלכע האבן זיך גערעדט,

אדער, וויבאלד אז דאס זיינען ווערטער פון רבותינו נשיאינו – און בשעת מ׳חזר׳ט זיי איבער, קומען זיי אראפ נאכאמאל אין אויר העולם – וועט דאס די נשמה דערהערן (אפי׳ אז ס׳איז ניטא קיין גשמיות׳דיקער טלפון).

ובפרט בשעת מ׳חזר׳ט דאס אין אן עת רצון, ומכ"ש אין דעם זמן פון מועדים לשמחה, איז וויבאלד אז שמחה פורץ גדר – וועט דאס די נשמה דערהערן במילא בכל מקום.

אבער וויבאלד אז ס׳ווערט נענטער צו דער גאולה האמיתיה והשלימה, וואס דעמולט וועט זיין "ונגלה כבוד הוי׳ וראו כל <u>בשר</u> גו׳" (ישעי׳ מ, ה), ווי דער מיטעלער רבי איז מדייק (שער האמונה פכ"ה) אז מ׳וועט זען (ניט בלויז "בעין השכל הרוחני", נאר) "בראי׳ גשמית בעין הגשמי",

ביז ווי כמדובר כמ"פ, אז פון דעם לשון "וראו כל <u>בשר</u>" (ניט "וראו כל <u>עיני</u> בשר", ע"ד ווי "ותחזינה עינינו"), איז מוכח אז דער בשר גופא וועט דערזען (ניט נאר דערפילן, נאר אויך דערזען) דעם כח הפועל בנפעל, ביז דעם "כבוד ה׳",

דעריבער, בתור הכנה לזה, איז מען זיך משתדל צו איבעד חזר׳ן דברי רבותינו נשיאינו בימי החול דורכן טלפון, בכדי אז דברי רבותינו נשיאינו די "מעינות" וועלכע ברענגען דעם "קאתי מר" זאלן געהערט ווערן ברגע כמימרא בכל קצווי תבל אויך צום גוף הגשמי.

ג. ענין הנ"ל איז אויך א ביאור נוסף אויף דעם וואס ס׳שטייט אין זהר (ח"א קיז, א) (עה"פ "בשנת שש מאות שנה לחיי נח . נבקעו כל מעינות תהום רבה" (פרשתנו ז, יא)) אז "בשית מאה שנין לשתיתאה יתפתחון תרעי דחכמתא לעילא ומבועי דחכמתא לתתא" – אז בשנת ת"ר לאלף הששי,

– וועלן –



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 224 הודפס ע"י או

וועלן זיך עפענען די שערים פון חכמת התורה (חכמתא דלעילא), און אויך די מעינות פון חכמות העולם (חכמתא דלתתא), ביז אז אפי' תינוקות וועלן זיך אויך עוסק זיין אין פנימיות התורה (שם קיח, א). און ער טייטשט אפ דארטן אז דאס קומט אלס א הכנה צו די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

און אזוי האט מען דאך געזען בפועל, אז אין דעם זמן האט זיך אנגעפאנגען דער גילוי פון רזין דאורייתא (תורת החסידות), אנהויבנדיק פון דעם בעש"ט, וואס זיין התגלות איז געווען א פאר יאר פאר "שית מאה שנין לשתיתאה" (בשנת תצ"ד). ועד"ז אויך בנוגע צו חכמות העולם - איז דאך בשנים אלו נתגלה געווארן נייע ענינים וואס פריער האט מען ניט געוואוסט פון זיי.

וואס דער ביאור בזה (די שייכות פון גילוי חכמת התורה מיטן גילוי פון חכמות העולם) איז: וויבאלד אז די כוונה אין דער התפתחות פון חכמות העולם איז דאך בכדי מ'זאל זיי נוצן "לעבודת ה' או לתורתו" (תניא ספ"ח) - איז לכל לראש דארף מען זיי נוצן אויף צו מפיץ זיין די מעינות פון פנימיות התורה (וועלכע זיינען נתגלה געווארן אין דעם זעלבן זמן).

וואס דער ענין פון הפצת המעינות - ובפרט ווען די הפצה איז דורך די ענינים פון חכמות העולם וועלכע זיינען נתגלה געווארן בזמן האחרון - איז א הכנה און א כלי צו "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר גו'" וואס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ד. דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע לענינינו:

בשעת אז ס'דארף זיין דער ענין פון "ויעקב הלך לדרכו" - התחלת העבודה על כל השנה כולה, נאך דערזיף וואס מ'פארענדיקט דעם סיום וחותם פון חודש הכללי, וואס ווערט אנגערופן חודש תשרי - אותיות רשית (אוה"ת סוכות ע' א'תשנו), דער ראש פון כל השנה כולה,

[בכללות איז ר"ה דער ראש פון כל השנה, אבער בפרטיות יותר איז דער גאנצער חודש א כללי און א ראש על כל השנה: ר"ה איז דער ראש אין דעם ענין פון קב"ע, ביז צו זמן שמחתנו - דער ראש אין דעם ענין השמחה, ועד"ז בשאר הענינים פון חודש תשרי (שם ברכה ע' א'תתסו)],

איז דאך ידוע וואס רבינו נשיאנו האט איבערגעגעבן אז אין ליובאוויטש איז געווען דער מנהג צו מכריז זיין במוצאי שמח"ת "ויעקב הלך לדרכו" (סה"מ תשי"א ע' 240) -

ועפ"י האמור לעיל איז פארשטאנדיק, אז ס'איז א דבר נכון וטוב ביותר, אז די הכרזה פון ליובאוויטש אז "ויעקב הלך לדרכו", זאל זיין אין אזא אופן, אז גלייך ווי זי ווערט געזאגט אין די ד' אמות של תורה ושל תפלה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, זאל זי תיכף ומיד דערהערט ווערן בכל קצווי תבל, וואו מ'קען נאר דערגרייכן,

- דורך די ענינים פון חכמות העולם (וואס זיינען פארבונדן מיט די "מעינות תהום" ווי דאס קומט אראפ למטה מטה דורך חכמות העולם) וועלכע זיינען נתגלה געווארן בזמן האחרון, וואס מ'דארף דאך מאכן פון זיי א כלי און א וועג און א מיטל אז זיי זאלן בטל ווערן צו זייער תכלית, וואס זייער תכלית איז, אז דורך זיי זאל דערגרייכט ווערן דער דבר ה' און קול ה' (דער "בקולו תשמעו" (סנהדרין צח, סע"א)) בכל מקום ומקום -

- ביז -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 225 הודפס ע"י

ביז אז דאס זאל אנקומען אויך צו נדחי ישראל - וואס דורך דערויף וואס מ'איז זיי מכנס און מאחד מיט אנדערע אידן, און מיט אלע אידן וואס רעדן דעם ווארט (פון "ויעקב הלך לדרכו") - ווערט דאס אויך א הכנה צו "נדחי ישראל יכנס" (תהלים קמז, ב), דורך משיח צדקנו.

ה. האמור לעיל איז דאך לכאו' ניט פארבונדן מיט היינטיקן טאג דוקא, די זעלבע זאך קען דאך אויך זיין אין א טאג פריער אדער א טאג שפעטער - זיינען אבער דא עטליכע ענינים וואס צוליב זיי האט מען אויסגעקליבן דוקא היינטיקן טאג.

אנהויבנדיק פון דעם ענין עיקרי, אז היינט האט מען ממלא געווען די שליחות וואס מ'האט איבערגעגעבן אין די התוועדות פון שבת בראשית, אז אלס א המשך צו די הקפות פון שמע"צ ושמח"ה אין די ד' אמות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, זאל מען גיין מיטן זעלבן ניגון און מיט די זעלבע ווערטער, און אויך מיט א ספר תורה - אין "קרית ארבע היא חברון" (חיי שרה כג, ב), און אין ירושלים העתיקה המוקפת חומה ביים כותל המערבי, און אויך אין ביהכנ"ס וביהמ"ד פון כ"ק אדמו"ר הצ"צ (וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר איז ממלא מקומו).

און מיט עטליכע שעות צוריק האט מען פארענדיקט דעם מילוי השליחות - סיי אין חברון, סיי ביים כותל המערבי, און סיי אין ביהכנ"ס וביהמ"ד פון צ"צ - ווי ס'איז שוין אנגעקומען די ידיעות פון דארטן (אויך דורכן טלפון וכיו"ב), און ס'קען זיין אז מ'איז נאך ממשיך דארטן אין דעם פארברייינגען.

און וויבאלד אז די הקפוה וואס מ'האט געפראוועט דארטן קומען דאך בהמשך צו די הקפות פון שמע"צ ושמח"ת, און מ'האט דאס מכריז געווען גלוי לעין כל, און מ'האט דאס אויך פארבונדן מיטן מארש של נצחון וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט איינגעפירט אז מ'זאל אים זינגען במוצאי יוהכ"פ (ספר המנהגים ע' 59) -

איז דאך במילא די הכרזה פון "ויעקב הלך לדרכו" וואס מ'איז מכריז איצטער, פארבונדן מיט אלע פרטים פון "ויעקב הלך לדרכו": דער ענין פון "ויעקב הלך לדרכו" ווי דאס איז במוצאי יוהכ"פ (ווי דערמאנט פריער (שבת בראשית) דאס וואס ער איז מבאר אין המשך וככה (תרל"ז רפצ"ו)); ווי דאס איז במוצאי שמח"ת; און בשנה זו - אויך מיטן סיום וחותם פון די הקפות וואס זיינען געווען אין חברון עיר האבות, און אין ירושלים "קרית חנה דוד" (ישעי' כט, א).

[וואס ירושלים האט דאך א שייכות מיוחדת צו דעם ענין פון הקפות, וואס דערפאר איז דער סיום וחותם פון די פסוקים וועלכע מ'זאגט לפני ההקפות (כדי צו ברענגען א ראי' מן התורה אויף דעם ענין ההקפות (נתבאר בשיחת יום שמח"ת תשל"ו)) - "כי מציון תצא תורה ודבר ה' <u>מירושלים</u>" (ישעי' ב, ג)].

און חברון האט א שייכות צו דעם ענין פון "ויעקב הלך לדרכו" - די נתינת כח וואס מ'דארף מיטנעמען פון חודש תשרי (חודש הכללי) על כל השנה כולה, כדלקמן.

ו. אין די מועדים פון חודש תשרי (וואס פון זיי נעמט מען מיט א נתינת כח אין דער עבודה פון "ויעקב הלך לדרכו") - ובפרט בר"ה (דער ערשטער מועד פון חודש תשרי), און בשמע"צ ושמח"ת (סיום וחותם פון די מועדים פון חודש תשרי) - איז מודגש דער ענין פון אהבת ישראל (וואס

- דאס -



<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 226 הודפס ע"י או

# מהתוועדות כ״ח אדר תשל״ז

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה החודש הזה לכם גו'.

ב. דער עיקר התכלית און מטרה פון דער התוועדות איז, בכדי צו מזרז זיין נאך אמאל אויף די ענינים פון פסח. וואס לדעת רשב"ג (וואס דאס איז דאך אויך א דעה אין תורה, אע"פ אז די הלכה איז ניט אזוי), איז "שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח שתי שבתות" (פסחים ו, סע"א), ווי ער לערנט דאס אפ פון פ' החודש, "שהרי משה עומד בראש החודש ומזהיר על הפסח שנאמר החודש הזה לכם כו'" (שם ב).

[נאר היות אז "פותחין בדבר מלכות" (סה"מ תש"ט ע' 199), האט מען דעריבער אנגעפאנגען מיט א מאמר חסידות פון תורת רבותינו נשיאינו בנוגע צו פרשת החודש און עניני החודש.

ובפרט נאך אז אין דעם מאמר רעדט זיך וועגן דעם ענין פון "שהם עתידים להתחדש כמותה" (סנהדרין מב, א), ווי א איד איז זיך מתחדש בעבודתו לבוראו. און דערנאך קומט עס ארויס אויך בפשטות, וואס אין ענין יוצא מידי פשוטו, וכמדובר כמ"פ אז מען דארף האבן און מען בעט און מען בעט אויס אז עס זאל זיין די גאולה כפשוטה, "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (מיכה ז, טו), בימינו אלו].

ואע"פ אז דער זמן המתאים צום ענין הנ"ל (זירוז אויף עניני פסח) איז לכאו' ביום השבת, מצד דערויף וואס בשבת לייענט מען פרשת החודש, און ס'איז אויך פונקט צוויי וואכן ("שתי שבתות") לפני ערב פסח -

וויבאלד אבער אז בשבת איז מען מוגבל אז מען קען הערן די רייד נאר בקירוב מקום, משא"כ בימי החול איז דא די מעגליכקייט - דורך די ענינים וואס זיינען נתחדש געווארן בדורות האחרונים - צו קענען הערן אויך בריחוק מקום, ביז מעבר לים און מדינות רחוקות - דערפאר האט מען מקדים געווען די התעוררות וזירוז מיט צוויי טעג פריער, בכדי אז מ'זאל דאס קענען גלייך הערן בכל מקום ומקום.

ג. ומובן בפשטות, אז דאס וואס ס'איז נתחדש געווארן דער ענין אז דער קול דערגרייכט באותה רגע ממש, במקום הכי רחוק,

[וואס דאס איז דאך א דבר פלא, ווארום ע"ד הרגיל דארף נעמען כמה רגעים ביז אז דער קול דערגרייכט צום שומע, און דער קול איז הולך ונחלש - איז אבער נתגלה געווארן א כח אין טבע וואס דער אויבערשטער האט מטביע געווען, אז מ'זאל קענען רעדן במקום זה, און בשעת מעשה זאל מען דאס הערן במקום הכי רחוק] -

איז דאס אזוי ווי יעדער ענין אין עולם, אז אויב נאר דאס איז א דבר טוב, איז עיקר תכליתו צו נוצן אים אויף "לקח טוב נתתי לכם" (משלי ד, ב) - אויף לימוד התורה, און "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה" (קידושין מ, ב) - אויף זירוז אין עניני מצוות.

ווארום נוסף צו דעם וואס די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן "בשביל ישראל שנקראו ראשית", און ווי אידן זיינען פארבונדן מיט תורה - "בשביל התורה שנקראת ראשית" (ווי רש"י ברענגט בתחלת פירושו עה"ת),

איז עאכו"כ בנוגע צו א דבר נעלה ונפלא, אזוי ווי כח הנ"ל וואס דער אויבערשטער האט באשאפן אז א קול זאל דערגרייכן ברגע כמימרא במקום הכי רחוק - איז פארשטאנדיק אז כל עיקר תכליתו צוליב תורה ומצוות [בכדי אז א דבר תורה און א זירוז אויף א מצוה זאל דערגדייכן בכל מקום האפשרי, ויפה שעה אחת קודם].

ס'איז מעבניס אז נאך דעם ווי דער כח איז שוין באשאפן געווארן

- [און -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 577 הודפס ע"י א

און בדורות האחרונים אויך נתגלה געווארן צוליב תומ"צ, קען מען אים נוצן (בכדי עס זאל קענען זיין בחירה חפשית) בדרך טפל אויך אויף עניני הרשות, ביז אויך נידעריקער פון דברי הרשות.

ובדוגמת מאמר רז"ל (שמו"ר פל"ה, א) בנוגע צו זהב, אז "לא הי' העולם ראוי להשתמש בזהב ולמה נברא בשביל המשכן ובשביל ביהמ"ק, איז נאך דערויף וואס ס'איז באשאפן געווארן צוליב דעם ביהמ"ק, קען מען אים נוצן אויף עניני העולם.

ד. די השתמשות פון כח הנ"ל אין עבודת ה' איז דא אין נאך א אופן - צו ארויסנעמען דערפון ווי "עין רואה ואוזן שומעת" (אבות פ"ב מ"א). ווארום מה-דאך אז אין וועלט איז דא אזא כח דורך וועלכן מען קען הערן כל הגה והגה באותה רגע ממש, אפי' ווען דאס איז במקום הכי רחוק,

ועד"ז איז דא אויך א כח אין וועלט דורך וועלכן מען קען זעהן כל תנועה ותנועה, אפי' ווען דאס איז בחדרי חדרים,

איז דאך במכש"כ וק"ו בנוגע צום "עין" און "אוזן" שלמעלה, וואס "הנוטע אזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט" (תהלים צד, ט), אז פאר זיי איז ניטא קיינע הגבלות ח"ו. און אלע ענינים וואס א איד (און א מענטש בכלל) רעדט אדער טוט דא למטה (אפי' ווען דאס איז בהדרי חדרים), איז באותה רגע ממש איז "עין רואה ואוזן שומעת". וואס דערפון איז אויך מובן אז "כל מעשיך בספר נכתבים" (אבות שם).

וואס דורך דעם משל הנ"ל קען מען צוקומען צו אן עלי' אין עבודה ה'; אז בשעת א איד איז זיך מתבונן אין דעם וואס דער אלטער רבי זאגט אין תניא (רפמ"א), אז "ה' נצב עליו כו' ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי" - זאל דאס זיין בא אים ניט בלויז בשכל עיוני, נאר אויך (דורכן ציור מוחשי פון דעם משל הנ"ל) אין דער דרגא פון שכל וואס האט א שליטה אויף מדות שבלב און אויף מחשבה דיבור ומעשה.

ובמילא פועל'ט עס אז זיין הנהגה זאל זיין "עכ"פ כמורא בשר ודם" (כמבואר אין תניא (שם. מברכות כח, ב)) - ווי עס פירט זיך איינער וואס ווייסט אז לעבן אים שטייט א צווייטער בשר ודם (אפי' ניט קיין מלך - ועאכו"כ א מלך), און זעט וואס ער טוט, און הערט וואס ער רעדט, און אויך וואס ער טראכט.

אבער ענין הנ"ל, וואס מ'לערנט אפ פון דעם כח הנ"ל אז "(עין רואה ו)אוזן שומעת", איז דאך נאר אז מ'נוצט דעם כח הנ"ל <u>צוליב</u> עבודת ה', אבער ניט אז מ'נוצט דעם כח גופא אין קדושה.

ובדוגמת "כל מעשיך יהיו לשם שמים" (אבות פ"ב מי"ב), אז די מעשים אליין בלייבן א ענין פון רשות, ס'איז מערניט וואס מ'נוצט זיי <u>לשם</u> שמים.

דער תכלית איז דאך אבער אז ס'זאל זיין "בכל דרכיך דעהו" (משלי ג, ו. וראה לקו"ש ח"ג ע' 907. ח"י ע' 104 ואילך), אז אין "דרכיך" גופא זאל זיין דער "דעהו" - איז דער עילוי (בנוגע כח הנ"ל) טוט זיך אויף, ווען מ'נוצט דעם כח גופא אויף איבערגעבן דורך אים אן ענין פון תורה און א זירוז אויף אן ענין פון מצוות.

ה. דער ענין וועלכן מ'דארף איצטער מזרז זיין בעיקר איז - די פעולות וואס דיינען פארבונדן מיט פסח. וכאמור לעיל (ס"ב) אז לויט רשב"ג איז איצטער דער תחלת הזמן אויף דעם, און ע"פ הלכה - איז דאס שוין באמצע הזמן.

און היות אז גלייך ביי דער התחלה פון סדר, נאך איידער מ'הויבט

<u>הנחת התמ' בלתי מוגה</u> - אן -

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ז א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 578 הודפס ע"י